# LE TESTAMENT DE SHOLEM-ALEYKHEM

Le 11 tishre 5716, 19 sept. 1915, à New York

Aujourd'hui, lendemain de Yom-Kippour, à peine commencée la nouvelle année, un grand malheur s'est abattu sur ma famille : la mort de mon fils aîné Misha (Mikhail) Rabinovitch, qui a emporté avec lui dans la tombe toute une part de ma vie. J'ai donc décidé de réécrire le testament que j'avais fait en 1908, lors de ma maladie à Nervi (Italie).

En pleine possession de ma santé et de mon discernement, j'écris mon testament, qui comprend dix points :

1) Où que je vienne à mourir, qu'on ne m'ensevelisse pas parmi les aristocrates, les privilégiés ou les riches, mais au contraire, parmi des Juifs ordinaires, des travailleurs, le vrai peuple, en sorte que la stèle qu'on dressera plus tard sur mon tombeau serve d'ornement aux tombes ordinaires alentour, et que ces tombes ordinaires embellissent ma stèle, tout comme, de mon vivant, les honnêtes gens du peuple ont éclairé de leur beauté la vie de leur écrivain.

2) Qu'on ne mette sur ma pierre tombale aucune sorte de titres, d'éloges ni de dithyrambes, sauf mon nom « Sholem-Aleykhem » sur une face et l'inscription en yiddish ci-jointe sur l'autre.

3) Qu'il n'y ait aucune sorte de discussion entre mes collègues quant à perpétuer mon nom, dresser un monument à ma mémoire à New York, etc. Je ne pourrais pas reposer tranquillement dans ma tombe si mes amis décidaient de faire les pitres. Le plus bel hommage à ma mémoire consisterait à lire mes œuvres et, s'il se trouvait des mécènes parmi les couches fortunées de notre peuple, à les publier et à les diffuser, tant en yiddish que dans d'autres langues, ce qui permettrait au peuple de les lire et à ma famille de subsister décemment. Si je n'ai pas eu la chance ou le mérite de trouver des mécènes de mon vivant, je l'aurai peut-être après ma mort. **Je quitte ce monde avec la pleine certitude que le peuple n'abandonnera pas mes orphelins.**

# די צוואה פֿון שלום־עליכם

י״א תּשרי התרע״ו, 19טער סעפּטעמבער 1915, ניו־יאָרק

הײַנטיקן טאָג, מחרת יום־הכּפּורים, עס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן אַ נײַ יאָר, און אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפֿן מײַן פֿאַמיליע – געשטאָרבן מײַן עלטערער זון מישאַ (מיכאַיִל) ראַבינאָוויטש, און אַוועקגעטראָגן מיט זיך אין קבֿר אַ שטיק פֿון מײַן לעבן. איז געבליבן בײַ מיר, איך זאָל איבערשרײַבן אויף דאָס נײַ מײַן צוואה, וועלכע איך האָב געהאַט געשריבן אינעם יאָר 1908, בײַ מײַן קראַנק זײַן, אין נערווי (איטאַליע).

זײַענדיק געזונט און אין פֿולן פֿאַרשטאַנד, שרײַב איך מײַן צוואה, וואָס באַשטייט אין די צען־טערדיקע פּונקטן :

א) ווּ איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אַריסטאָקראַטן, מיוחסים אָדער גבֿירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן אַרבעטער, מיטן אמתן פֿאָלק, אַזוי אַז די מצבֿה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מײַן קבֿר, זאָל באַשיינען די איינפֿאַכע קבֿרים אַרום מיר, און די איינפֿאַכע קבֿרים זאָלן באַפּוצן מײַן מצבֿה, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פֿאָלק האָט פֿאַר מײַן לעבן באַשיינט זייער פֿאָלקסשרײַבער.

ב) קיין שום טיטלען מיט לויבענישן מיט מורי־מורינוס זאָל אויף מײַן מצבֿה ניט זײַן, אויסער דעם נאָמען „שלום־עליכם“ פֿון איין זײַט און אויסער דעם ייִדישן אויפֿשריפֿט, וואָס בײַגעלייגט, פֿון דער אַנדערער זײַט.

ג) קיין שום דעבאַטן און דיסקוסיעס פֿון מײַנע קאָלעגן וועגן פֿאַראייביקן מײַן נאָמען, וועגן אויפֿשטעלן מיר אַ מאָנומענט אין ניו־יאָרק אד״גל זאָל ניט זײַן : איכ׳ל ניט קאָנען אײַנליגן רויִק אין קבֿר, אַז מײַנע חבֿרים וועלן זיך נאַריש מאַכן. דער בעסטער מאָנומענט וועט זײַן פֿאַר מיר, אַז מע וועט לייענען מײַנע ווערק און אַז עס וועלן זיך געפֿינען אין די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן פֿון אונדזער פֿאָלק מעצענאַטן, וואָס וועלן זיך נעמען אַרויסגעבן און פֿאַרשפּרייטן מײַנע ווערק, הן אין ייִדיש, הן אין אַנדערע שפּראַכן, און דערמיט געבן דעם פֿאָלק די מעגלעכקייט צו לעזן און מײַן פֿאַמיליע – אַ בכּבֿודיקע עקזיסטענץ. אויב איך האָב ניט זוכה געווען, אָדער ניט פֿאַרדינט קיין מעצענאַט בײַ מײַן לעבן, וועל איך זיי אפֿשר זוכה זײַן נאָכן טויט. **איך גיי אַוועק פֿון דער וועלט מיטן פֿולן גלויבן, אַז דאָס פֿאָלק וועט נישט פֿאַרלאָזן מײַנע יתומים.**

4) Sur mon tombeau au moment des obsèques, puis pendant toute l'année, et ensuite pour chaque anniversaire de ma mort, que mon seul fils survivant, ainsi que mes gendres récitent, s'ils le veulent, le *kaddish* à ma mémoire. Mais si l'envie leur en manquait, ou le temps, ou bien si cela était contraire à leurs convictions religieuses, ils peuvent en être quittes par le seul fait de se réunir tous, avec mes filles et les petits-enfants, de donner lecture à ce testament et aussi de choisir un récit parmi mes récits, l'un des plus gais, et d'en faire la lecture dans la langue qui serait le plus à leur portée. Qu'ils se souviennent de mon nom en riant plutôt que de ne pas s'en souvenir du tout.

[˜˜˜˜˜]

Mon dernier souhait que j'adresse à mes successeurs, ce dont je prie mes enfants : prenez soin de votre mère, rendez-lui agréables ses vieux jours, adoucissez-lui les amertumes de la vie, soignez son cœur endolori. Mais moi, ne me pleurez pas ; au contraire, rappelez-vous de moi dans la joie. Et surtout : vivez en paix entre vous, ne vous gardez l'un à l'autre aucune rancœur, aidez-vous les uns les autres dans les temps mauvais, pensez parfois à la famille, ayez tout simplement des égards pour les pauvres et, si les circonstances étaient favorables, payez mes dettes au cas où il y en aurait. Mes enfants ! Portez avec honneur ce nom juif qui m'a coûté tant d'efforts, et que le Dieu du Ciel vous vienne en aide. Amen.

**Sholem ben Menakhem-Nokhem Rabinovitch - Sholem-Aleykhem**

ד) אויף מײַן קבֿר און דערנאָך דאָס גאַנצע יאָר און שפּעטער אַלע מאָל צום יאָרצײַט זאָל מײַן איבערגעבליבענער איינציקער זון, ווי אויך מײַנע איידעמס, אויב זיי וועלן וועלן, זאָגן נאָך מיר קדיש. און אויב זיי וועלן קיין חשק נישט האָבן, אָדער די צײַט וועט זיי נישט דערלויבן, אָדער ס'וועט זײַן קעגן זייערע רעליגיעזע איבער־צײַגונגען, קאָנען זיי יוצא זײַן נאָר דערמיט, וואָס זיי וועלן זיך צונויפֿקלײַבן אַלע מיט די טעכטער מײַנע, מיט די אייניקלעך און מיט גלאַט גוטע־פֿרײַנד, און פֿאָרלייענען די דאָזיקע צוואה מײַנע, און אויך אויסקלײַבן אַ מעשׂה פֿון מײַנע מעשׂהלעך, פֿון די סאַמע פֿריילעכע, און פֿאָרלייענען עס אין וואָסער אַ שפּראַך ס'וועט פֿאַר זיי זײַן מער פֿאַרשטענדלעך, און לאָז מײַן נאָמען דערמאָנט ווערן פֿון זיי בעסער מיט אַ געלעכטער, איידער גאָר נישט דערמאָנט ווערן.

[~~~~~]

י) מײַן לעצטער ווּנטש צו מײַנע נאָכפֿאָלגער און מײַן בקשה צו מײַנע קינדער : אָפּהיטן די מאַמע, באַשיינען איר עלטער, פֿאַרזיסן איר ביטער לעבן, היילן איר געבראָכן האַרץ, נאָך מיר נישט וויינען, נאָר אַדרבה דערמאָנען מיך מיט פֿרייד, און דער עיקר – צווישן זיך לעבן אין פֿרידן, נישט טראָגן קיין שׂינאה איינס אויף דאָס אַנדערע, אויס־העלפֿן זיך איינער דעם צווייטן אין אַ שלעכטער צײַט, דערמאָנען זיך אַ מאָל אין דער משפּחה, רחמנות האָבן גלאַט אויף אַן אָרעמאַן, און בײַ גוטע אומשטאַנדן צאָלן מײַנע חובֿות, אויב אַזעלכע וועלן זײַן. קינדער ! טראָגט מיט ערע מײַן פֿאַרהאָרעוועטן ייִדישן נאָמען, און דער גאָט וואָס אין הימל זאָל אײַך זײַן צו הילף. אָמן.

## שלום בן מנחם־נחום ראַבינאָוויטש
## שלום־עליכם